# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו



## אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל:

דער הייליגער **מגלה עמוקות** טייטשט אז די גמרא זאגט אז רוב מענטשן ווערן נכשל אין די עבירה פון גזל, און אלע מענטשן פון די וועלט ווערן נכשל אין די עבירה פון אבק לשון הרע (די שטויב פון לשון הרע). במילא דארף יעדער תשובה טוהן אויף דעם.

דאס זאגט דער פסוק: **אל"ה** ראשי תיבות: **א**'בק **ל**'שון **ה**'רע. **הדברים** די רייד, דאס מיינט די מוסר רייד אויף די עבירה פון אבק לשון הרע, אשר דבר משה אל "כל" ישראל, דאס האט משה רבינו געזאגט פאר אלע אידן, ווייל אויף די עבירה דארף יעדער איינער תשובה טוהן.

❀

**והצירות:** זאגט רש"י: דאס איז די מחלוקה פון קרח: פארוואס ווערט די מחלוקה פון קרח אנגערופן "חצירות"?

ענטפערט דער **חידושי הרי"ם** ווייל די מצוה פון "עירובי חצירות" ווייזט אויף אחדות, אז דורך איין שטיקל ברויט וואס יעדער איינער פון חצר גיט, ווערן אלע חצירות גערעכנט אזוי ווי איין חצר. - אבער ביי די מחלוקה פון קרח שטייט אין פסוק, "ויקח קרח", זאגט דער תרגום "ואתפליג", ער האט זיך אפגעטיילט, ער האט צובראכן די אחדות פון אידישע קינדער, במילא איז פונעם אחדות'דיגן חצר צוריק געווארן אסאך חצירות, וועגן דעם רופט די תורה אן די מחלוקה פון קרח, "חצירות".

❀

## ידיעות פון די וואך

### דיני ומנהגי שבוע שחל בו תשעה באב

דער שבת ווערט אנגערופן **"שבת חזון"**, ווייל מען לייענט די הפטורה פון חזון ישעיהו בן אמוץ, וואס טוט פארזאגן דעם חורבן בית המקדש.

**ערב שבת חזון** מעג מען זיך אפוואשן לכבוד שבת די פנים און די הענט מיט די פיס אפילו מיט הייס וואסער (מ"ב ס"ק צ"ז) אבער מיט זייף טאר מען נישט (מג"א תקנ"א ט"ז).

מען מעג זיך געהעריג טובל'ן לכבוד שבת, וויבאלד מען וואשט זיך נישט לשם תענוג נאר לשם מצוה (מג"א ס"ק מ"א) אויך מעג מען אנטון פרישע וועש, און א פרישן העמד לכבוד שבת (רמ"א סי' תקנ"א ס"א).

טראצדעם וואס מיר פירן זיך ווי דער **רמ"א** מיט אלע זיינע פסקים, און דער **רמ"א** שרייבט (סי' תקנ"א ס"א) אז שבת חזון טוט מען נישט אן קיין בגדי שבת, פונדעסטוועגן האט מען ביי חסידים זיך יא געפירט עפ"י **אריז"ל** צו גיין אנגעטון געהעריג ווי יעדן שבת.

אויך מעג מען זיך אויספיצן די שיך לכבוד שבת.

#### ערב תשעה באב

פון ערב תשעה באב נאך חצות איז מען נוהג אבילות, און מען קלאגט אויפן חורבן פול מער ווי אנדערע טעג. דער רמ"א (סי' תקנ"ז) ברענגט א מנהג אז מען זאל נישט לערנען ערב תשעה באב נאך חצות די געווענליכע לימודים, נאר די וואס מען מעג לערנען אין תשעה באב.

ווען **ערב ת"ב** געפאלט אין שבת איז א מחלוקת צו מען מעג לערנען. דעריבער פסק'עט מען אז מען זאל לערנען נאר די זאכן וואס מען מעג לערנען ת"ב, אדער צו זאגן תהלים, אבער אויב מען שפירט אז אויב מען לערנט נישט געהעריג די שעורים דעמאלטס ברענגט מען אן די צייט, קען מען זיך רואיג פארלאזן אויף די פוסקים וואס האלטן אז מען מעג לערנען.

## תשעה באב

תשעה באב איז גאר א הארבער תענית, צוליב דעם וואס די צרה וואס האט אין איר באטראפן כלל ישראל איז גאר א גרויסע, ווען ביידע בתי מקדשות זענען דעמאלטס חרוב געווארן.

מען הייבט אן צו פאסטן פון ביינאכט. אפילו א חולה וואס דארף נישט פאסטן, האלטן טייל פוסקים אז ער זאל עסן ווייניגער פון א אכילת פרס אויפאמאל (ואין להחמיר בלי פסק מורה הוראה מובהק).

מען טאר זיך בכלל נישט וואשן, אפילו אריינשטעקן די הענט אין קאלט וואסער איז אסור תשעה באב (מחבר סי' תקנ"ד ס"ז). אויב האט זיך אנגעקלעבט שמוץ אויף די הענט מעג מען לייגן וואסער נאר וויפיל עס פעלט זיך אויס אראפצונעמען דעם שמוץ (שם ס"ח). לצורך רפואה, אדער אוועקצונעמען יסורים, מעג מען יא וויקן די הענט אדער די פיס אין וואסער (שם י"ד).

פרויען מעגן צוגרייטן דאס עסן צום אויספאסטן, אדער אפוואשן געשיר אפילו אויב די הענט ווערט נאס דורכדעם, (מג"א ס"ק י"א), אבער מען זאל זיך צוריק האלטן פון צו נוצן הייס וואסער. ווען מען דארף זיך וואשן די הענט אינדערפרי, אדער צו זאגן אשר יצר, אדער צום דאווענען, וואשט מען זיך נאר ביז די ענדע פון די פינגער.

מען טאר זיך נישט אפוואשן דעם פנים אינדערפרי, אבער מען מעג זיך אפווישן די אויגן און די פנים מיט די פייכטקייט וואס איז געבליבן אויף די הענט פונעם אפגיסן (מחבר שם י"א). אזוי אויך טאר מען זיך נישט שמירן מיט קיין שום זאלב אויב מען מיינט דאס לשם תענוג, אויב אבער מען טוט דאס צוליב רפואה אדער אז מען האט א שניט וכדומה מעג מען יא (מחבר סי' תקנ"ד ס"ק ט"ו).

מען טאר נישט אנטון קיין שיך וואס האט אויף זיך לעדער, אפילו אויב עס האט נאר אויף א קליינעם טייל, עס זענען דא ווער עס איז מחמיר נישט צו גיין מיט קיין סניקערס וויבאלד דאס איז ווי א געהעריגער שיך און מען שפירט נישט אנדערש ווי געוועינליך (שערי תשובה סי' תקנ"ד ס"ק י"א).

מען טאר נישט לערנען תורה גאנץ תשעה באב, אפילו צו טראכטן אין לערנען איז אסור, ווייל לימוד התורה ברענגט צו שמחה, נאר די לימודים וואס איז נוגע צו תשעה באב מעג מען (די הלכות און ידיעות פון "עולת שבת בשבתו" איז מותר צו לערנען תשעה באב). אפילו אויב עס פאלט איינעם איין א גוטן חידוש, און ער האט מורא אז ער וועט דאס פארגעסן, וואס חול המועד

## ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים, ויברך אתכם כאשר דבר לכם:

זאגט רש"י: **זהו מִשֶּׁלִּי** (טויזנט מאל מער, דאס איז פון מיר, אבער השי"ת זאל אייך בענטשן אן א צאל). **פארוואס** האט משה רבינו געגעבן פון זיך פונקט טויזנט מאל?

נאר די הייליגע חכמים זאגן אז "**מדה טובה מרובה ממדת פורעניות**" די גוטס וואס השי"ת באצאלט פאר אידישע קינדער איז פינף הונדערט מאל מער ווי די שטראף וואס ער גיט ח"ו אויב מען זינדיגט. און וויבאלד דער עונש אויפן חטא המרגלים איז געווען אז זעקס הונדערט טויזנט אידן זענען אומגעקומען אין מדבר, איז דאך דער שכר וואס השי"ת האט דעמאלט געבענטשט משה רבינו "**ואעשה אותך לגוי גדול**" אז פון אים וועט ארויס קומען א גרויס פאלק, מיינט פינף הונדערט מאל זעקס הונדערט טויזנט. - אבער מיר געפינען אז משה רבינו איז 2 מאל געבענטשט געווארן, איין מאל ביים עגל און איין מאל ביי די מרגלים, קומט דאך אויס אז ער איז געבענטשט געווארן עס זאל פון אים ארויס קומען א פאלק פון טויזנט מאל זעקס הונדערט טויזנט אידן.

דאס זאגט דער פסוק: משה רבינו האט געבענטשט די אידן: **ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים**, איר זאלט געבענטשט ווערן טויזנט מאל אזוי סאך ווי איר זענט (זעקס הונדערט טויזנט), זאגט רש"י: **זהו מִשֶּׁלִּי**, די ברכה איז פון מיר, ווייל מיט דעם סכום בין איך געבענטשט געווארן. און די איבריגע וועט שוין השי"ת געבן.

# חורבן בית המקדש

קומענדיגן דינסטאג איז תשעה באב ווען כלל ישראל קלאגט און יאמערט אויפן חורבן פון ביידע בתי מקדשות וואס זענען ביידע חרוב געווארן אין דעם טאג. ווען מיר יעצט לערנען אין די "ידיעות" די השתלשלות הענינים לויט דעם סדר פון די יארן, קורצע שטריכן פון דעם אויפבוי פונעם ערשטן בהמ"ק ביזן חורבן פונעם צווייטן ביהמ"ק.

**ב"א תתקכ"ח** - שלמה המלך האט אויפגעבויט דעם ערשטן בית המקדש אין ירושלים.

**ב"א תתקס"ד** - שלמה המלך איז נפטר געווארן, זיין זון רחבעם איז געווארן מלך אויף שבט יהודה, און ירבעם בן נבט אויף די צען שבטים. פון דעמאלטס אן האט זיך געצויגן א לענגערע תקופה פון די מלכי יהודה וישראל.

**ג"א ק'** - זכרי' בן יהוידע הנביא, דער כהן גדול און נביא ה' איז ברוטאל גע'הרג'עט געווארן אין ביהמ"ק, אויפן באפעל פון יהואש מלך יהודה.

**ג"א קפ"ז**-שבט גד וראובן חצי מנשה זענען פארטריבן געווארן פון זייער לאנד דורך תגלת פלאסר מלך אשור (מלכים ב' ט"ו).

**ג"א ר"ה** - די עשרת השבטים זענען פארטריבן געווארן דורך סנחריב מלך אשור.

**ג"א רח"צ** - ירמי' הנביא האט אנגעהויבן צו זאגן נביאות פאר די אידן אוןווארענען וועגן דעם חורבן.

**ג"א ש"ג** - צפני' הנביא און חולדה הנביאה האבן געווארנט אידישע קינדער וועגן חורבן ביהמ"ק, ירמי' הנביא האט געשריגן אין די גאסן, זכרי' אין די בתי מדרשים, און חולדה ביי די פרויען (רד"ק).

**ג"א שי"ט**-נבוכדנצאר מלך בבל, האט באלאגערט ירושלים, און געפאנגען יהוקים מלך יהודה און געטראגן קיין בבל.

פארגעסן, וואס חול המועד וואלט מען מקיל געווען דאס צו שרייבן, אבער תשעה באב איז אסור, וויבאלד עס איז נאר איין טאג קען מען געדענקען ביז ביינאכט (שע"ת תקנ"ד סק"כ).

מען טאר נישט זיצן אויף א הויכן בענקל, אדער אויף א בעט, ביז חצות, עפ"י קבלה ווערט געברענגט אז מען זאל נישט זיצן ממש אויף די ערד, נאר מען זאל עפעס אונטערלייגן א קישן אדער א נידריג בענקל, די וועלט פירט זיך צו רעכענען דעם שיעור פון א קליין בענקל ביז 12 אינטשעס.

עפ"י הלכה דארף מען טון פארשידענע זאכן אוועקצונעמען די געווענליכע באקוועמליכקייטן, ווי שלאפן אן א קושן (רמ"א סי' תקנ"ה ס"ב), אויב מען קען נישט שלאפן אן א קישן זאל מען נוצן די דאכענע אדער א קלענערע קישן אנשטאט די געווענליכע קושן, אנדערע שלאפן אפילו אויף די ערד (מחבר סי' תקנ"ה ס"ב).

מען טאר זיך נישט גריסן "גוט מארגן" אדער געבן שלום פאר א צווייטן גאנץ תשעה באב, אויב איינער קומט צו און גריסט אים, מעג מען צוריקענטפערן אויף יוצא צו זיין, די בעסטע איז אז מען זאגט אים אז ת"ב טאר מען נישט גריסן (פרמ"ג סקי"א).

פון ביינאכט ביז חצות פירט מען זיך אז מען טוט נישט קיין געהעריגע מלאכה וואס קען צוברענגען אז מען זאל מסיח דעת זיין פון אבילות, אין פאל פון א דבר האבוד איז די הלכה ווי חול המועד.

עס איז אסור צו געבן נאשערייען פאר די קינדער צו עסן במשך תשעה באב.

**ג"א שכ"ג** - נאך 4 יאר וואס יהויקים איז געוועז אונטערגעווארפן אונטער נבוכדנצאר האט ער ווידערגעשפעניגט אין אים.

**ג"א שכ"ז** - איז יהוקים גע'הרג'עט געווארן, און זיין זון יהויכין-יכניה איז געווארן מלך. נבוכדנצאר האט אים פארטריבן קיין בבל, און געשטעלט צדקיהו, דער ברודער פון יהוקים. דאס ווערט אנגערופן גלות יהוכין 11 יאר פארן חורבן.

**ג"א של"ח** - דער חורבן בית ראשון, דורך נבוזראדן הרשע, בשליחות נבוכדנצר מלך בבל, און כלל ישראל איז פארטריבן געווארן קיין בבל אויף 70 יאר. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען געגויע 410 יאר.

**ג"א ת"ד** - אין דעם יאר איז פארגעקומען דער נס פורים און די מעשה פון מרדכי און אסתר.

**ג"א ת"ח** - געגוי 70 יאר נאכן חורבן ביהמ"ק האט מען אנגעהויבן אויפצובויען דעם צווייטן בית המקדש, אויפן באפעל פון כורש מלך פרס, דורך עזרא הסופר וחבריו.

**ג"א תי"ג** - איז דער 2'טער ביהמ"ק פארטיג געווארן, און עזרא הסופר מיט טויזענטער אידן זענען ארויף קיין ירושלים.

**ג"א תמ"ב** - די לעצטע דריי נביאים ביי כלל ישראל, חגי זכרי' און מלאכי, זענען נפטר געווארן.

**ג"א תק"ץ** - האט זיך אנגעהויבן די מלוכה פון בית חשמונאי.

**ג"א תרכ"ב** - איז געוועז דער נס חנוכה, דורך יהודה המכבי און זיינע ברודער.

**ג"א תשמ"ב** - האט הורדוס המלך, א מלך ישראל וואס האט נישט געשטאמט פון אידן און האט געמאכט אסאך צרות, האט אנגעהויבן איבערצובויען דעם צווייטן בית המקדש, און ער האט געבויעט דעם שענסטן בנין אויף די וועלט.

**ג"א תשפ"ח** - די סנהדרין איז פארטריבן געווארן פון ירושלים קיין יבנה 40 יאר פארן חורבן ביהמ"ק.

**ג"א תתט"ז** - נירון קיסר איז געווארן מלך אין רום.

**ג"א תתכ"ד** - האט נירון קיסר געשיקט א קרבן מקריב זיין אין ביהמ"ק, אבער מען האט דאס נישט געלאזט מקריב זיין.

**ג"א תתכ"ה** - נירון קיסר האט געשיקט אספיינוס מיט זיין זון טיטוס הרשע איינצונעמען ירושלים. עטליכע יאר איז אנגעגאנגען ביטערע שווערע מלחמות צווישן די רשעים פון די אידן מיט די רוימער.

**ג"א תתכ"ח** - איז חרוב געווארן דער צווייטער בית המקדש דורך טיטוס הרשע.

**ויהי רצון שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, והשב כהנים לעבודתם ולוים לשירם ולזמרם, והימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה במהרה בימינו אמן**